# SHOYN NOKH TSVELF BAYNAKHT-שוין באַלד נאָך צוועלף בײַנאַכט

כבר אחרי חצות

Paroles : Amos Etinger .Musique : Nurit Hirsh .Yiddish : Itzhak Luden

| | |
|---|---|
| Shoyn bald nokh tsvelf baynakht, | שוין באַלד נאָך צוועלף בײַנאַכט , |
| Nokh nisht farloshn di levone- | נאָך נישט פֿאַרלאָשן די לבֿנה- |
| Vayl nokh eyder men lesht oys | ווײַל נאָך איידער מען לעשט אויס |
| Di shterndike shayn | די שטערנדיקע שײַן |
| Lozt nokh a vayl farlibte gliklekh zayn. | לאָזט נאָך אַ ווײַל פֿאַרליבטע גליקלעך זײַן |
| | |
| Refrain: | רעפֿרען: |
| | |
| S'vet morgn zayn a nayer tog | ס'וועט מאָרגן זײַן אַ נײַער טאָג |
| Un vos ken undz der nayer tog | און וואָס קען אונדז דער נײַער טאָג |
| Nokh hobn gebrakht ? | נאָך האָבן דען געבראַכט ? |
| Iz gib undz nokh a vayle ,nor a vayle, | איז גיב אונדז נאָך אַ ווײַלע, נאָר אַ ווײַלע, |
| Khotsh es iz shoyn shpet nokh halber nakht. | כאָטש עס איז שוין שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. |
| | |
| Shoyn bald nokh tsvelf baynakht , | שוין באַלד נאָך צוועלף בײַנאַכט, |
| es tsindt zikh nokh nisht der frimorgn- | עס צינדט זיך נאָך נישט דער פֿרימאָרגן- |
| Vayl nokh eyder men kert oys | ווײַל נאָך איידער מען קערט אויס |
| Dem nekhtn fu nder gas | דעם נעכטן פֿון דער גאַס |
| Vert iber undz der himl vider blas. | ווערט איבער אונדז דער הימל ווידער בלאַס. |
| | |
| Refrain | רעפֿרען : |
| | |
| Shoyn lang nokh halber nakht , | שוין לאַנג נאָך האַלבער נאַכט , |
| Di zun iz nokh nish ongetsunden | די זון איז נאָך נישט אָנגעצונדען |
| Vayl nokh eyder s'vet tsaytungen | ווײַל נאָך איידער ס'וועט צײַטונגען |
| Un flesher milkh fartaylt | און פֿלעשער מילך פֿאַרטײַלט |
| Blaybt iber zikh tsu libn nokh a vayl.. | בלײַבט איבער זיך צו ליבן נאָך אַ ווײַל.. |
| | |
| Refrain | רעפֿרען : |